Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 54 | Łódź, Piątek, 3 marca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ה' אדר תרצ"ג | № 54 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

## הילפס-קייט לטובת „לינת החולים"

**לאדזער יודען!** געדענקט אין די טויזענדער פעראָרימטע און הילפס-בעדערפטיגע יודן פון אונזער שטאָט, וואָס נויטיגט זיך אין דער מעדיצי-נישער הילף און שטיצע פון „לינת החולים"! נעמט אנטייל אליין אין דער הילפס-קייט און רופט ארויס אייערע פריינד און בעקאנטע

**יעדער דארף זיך פרייוויליג בעשטייערן פאר'ן „לינת החולים"!** פרט'ס זעה 14. זייט אין „נייעם פאלקסבלאט"


יובילעאום פון פירמע „TRWAŁOBUW"

14 ביליגע טעג!

זעלטענע איינקויפס-געלעגענהייט! נור 14 ביליגע רעקלאמע-טעג!

צוליב'ן יובילעאום פון דעם רענאמירטען שיך-געשעפט

„TRWAŁOBUW" 28 נאָוואָמיעסקא 28



ירדענט איין די אויביגע פירמע ספעציעל 14 ביליגע רעקלאמע-טעג אין עמפפעהלט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע מאָדערנסטע

הערר'- דאמען- קינדער- שיך פון די בעסטע קוואַלי-טעטען לעדער, פיינסטע אויסארביטונג – צו די ביליגסטע פרייזען.



ווער עס קויפט ביי אונז איינמאל, בלייבט אויף שטענדיג אונזער קונדע.

מיט אכטונג „TRWAŁOBUW" נאָוואָמיעסקא 28.

קומט און איבערצייגט אייך!

אלע קויפט אין „TRWAŁOBUW"

14 ביליגע טעג!


מיר שיקען אונזער הערציגע ב"כה, אונזער פריינד, דעם חשוב'ן און ליבען דיכטער

## ז. סעגאלאוויטש

צום 30-יאָהריגען יובל פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, וואָס ווערט היינט געפייערט אין ליטעראַטען-פאַראיין אין ווארשא. ::

רעדאקציע „נייער פאלקסבלאט"


דו מוזט זיך צואיילען

אויב דו ווילסט, אז דיין אמעריקאנער קרוב זאל דיר צושיקען

**א פעקל בגדים אויף פסח!**

1) דו דאַרפסט נישט אויסבעקומען פון דער מצבֿ קיין אַרימקייטס-צייגניש („שווידעצטווא איבוסטווא").

2) ווערסט נישט דאַרפען אָפּצאָהלען קיין צאָל פון אויסלענדישע פעקלעך, וואָס ווערען געשיקט מיט דער פאָסט.

3) ווערסט בכלל נישט האָבען קיין שום קלאָפּאָס און דאָס פעקל בעקומען צוגעשיקט אהיים.

4) דיין קרוב וועט נישט דאַרפען נעהמן מיטן פעקל אין פוילישען קאָנסולאַט.

**אויב** דו וועסט שרייבען דיין קרוב אין ניו-יאָרק אָדער ברוקלין, אז ער זאָל דיר דאָס פעקל קליידונג, וועש, שוכווארג שיקען דורך דער

**Polish Atlantic Shipping Co. of America**

79 Norfolk Street (near Delancy Street) NEW-YORK, N.Y., America

שנייד אויס דעם אדרעס און שיק איהם איבער דיין אמעריקאנער קרוב, שרייב איהם שוין היינט. וועסט נאך דערלעבען בעקומען פון אמעריקע

**א פעקעל בגדים אויף פסח!**

געז. „קולטור-ליגע" אפטיילונג אין לאדז

זאל פון שטאט-ראט פאמארסקא 16

# רעציטאציע פון יוד.ווארט

היינט, פרייטאג, ד. 3 מערץ, 9 אָווענד וועט אויפטרעטען צום ערשטען מאל אין פוילען די טאלאנטפולע ארטיסטין

## רענא מאז

— אין פראָגראַם: —

י. ל. פרץ / ע. שטיינבארג / ב. שטיינמאן / א. מאנגער
ם. ל. האלפערן / מ. נאדיר / ק. מאלאדאווסקא / מ. אולינאָווער.
הוגא פאן האפמאנסטאל / לעאנארד פראנק א. א.

בילעטען פון 75 גר. (פאר מיט-גלידער הנחות) צו בעקומען אין „קולטור-ליגע" און ביים אריינגאנג אין זאל.

א גראבאט

## דיוואן

אין פערלוירען געוואָרען פון באלקאן ארויס אָפּ-צוברענגען געגען בעלוינונג פיעטריקאווער 25, רעכטע אפיצינע. מאהן דיסקרעציע גאראנטירט.

זאל „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20

מיטוואך, ד. 8. מערץ, 9 אָווענד קומט פאר א איינמאליגער

# ווארט-קאנצערט

פון די בעריהמטע וועלט-קינסטלער

## אלא לילית און וו. גאריק

מיט א נייעם פראָגראַם

קאָמבינאציע פון ליד און שפיל, הומאָר, און כאראקטער, לידער און פאלקס-סצענעס פון אמעריקאנער רעפערטואר, נעגער-לידער! בײַ דער פיאנינע די אמעריקאנער קינסטלערין ראבער רעי.

בילעטען פון 85 גר. ביז 4 זל. ביי דער קאסע פון „פילהארמאניע".

פאר מאגענליידנדע

ראבארבער-וויין

אין פרימא-קוואליטעט צו ביליגע פרייזען

צו בעקומען אין דער וויינהאנדלונג פון

**E. SZYKIER**

**Północna 1, tel. 107-84**

# יוזעף פעטער

אקצ. געזעלש, אין גדיניא

עמפפעהלט פון איינענעם פאק-אנשטאלט אויסגעצייכענטע

## קאמפאט-מישונג

J. F. „Excelsior" מארקע

וועלכע ענטהאלט געטרוקענטע פרוכטען אין גאראנטירטע צוזאמענשטעלונג פון 50% מארעלען, ברושאסקווינע, עפעל, שעפ-טאלען און 50% קאליפארנישע פלוימען

נעפאקט אין צעלאפאן-פעקלעך

צו $^1/_4$ קילא צום פרייז אין דעטייל 1 זל.
צו $^1/_2$ קילא צום פרייז אין דעטייל 2 זל.

1117

צו בעקומען אין אלע קאלאָניאל- און פרוכטען-געשעפטען.

ביים קויפען בעטען מיר אכטונג צו געבען אויף דער מארקע J. F. „Excelsior"


לאדזער פראפעסיאנעלער פעראיין פון האנדעלס-ביורא-אנגעשטעלטע פיעטריקאווער 85.

**אכטונג, פערקויפער (רייזענדע) און דער קאנפעקציע-בראנזשע**

איהר ווערט גערופען צו א

### דרינגענדער פערזאמלונג

וועגען זעהר וויכטיגע פראגען, אויף פרייטאג, דעם 3-טען מערץ, האלב 8 א זייגער אין אָווענד.

די ארגאניזיר-קאמיסיע. 1061

לעצטע טעג

פון איינשרייבונגען אויף דער

## ארץ-ישראל עקסקורסיע

אנמעלדונגען אין ציוניסט. ביורא (שרודמיעסקא 29)

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטארבען מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, טאכטער, שוועסטער, שוועגערין און טאנטע נ"ע

## לאה אשת ר' ברוך נ"י

# פראנסקי

געבוירענע גאלדבלום אין עלטער פון 38 יאר

די לויה קומט פאר היינט פרייטאג, דעם 3-טען מערץ 1933 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז פיעטריק. 88, וועגען וואס זס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפ-טרויערנדע הינטערבליבענע 1115


**Dr. S. Szifris**

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

האט זיך איבערגעצויגען אויף נאָוואָמיעסקא 15 טעל. 130-42

פאר גאלד, בריליאנטען און לאמבארד-קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזן

איזידאר פיאלקא פיעטריקאָווער 7. 8029

# פּיניעלע מזיק
## גיט לשון



— נו, חברה יאַטען, ווער איז פּשיטאַמנע ?
— איך, פּיניעלע ! ווער איז אַ געריבענער יאַט ?
— איך, פּיניעלע מזיק !

איהר זעהט ווי די גרויסע חכמים פון דער קהלה האָבען זיך פאַר מיר דערשראָקען. אַז איך, פּיניעלע, האָב אויסגעזאָגט דעם סוד,, אַז אַ קוף איז אַ שעפּעניץ, האָבען זיי זיך באַלד געכאַפּט און געהען מיט מיר קאָנקורירען — זיי געהען אויך מאַכען א קוף...

אַלע האָבען זיי פלוצלינג געגומען קוכען: לייבעל מינצבערג וועט שטעהען ביי דער שיסעל. רומקאָווסקי וועט מישען אין טאָפּ. פליזאַצקי וועט פערקאָכען א קאַשע. בנימין רוס וועט אָנריישען. פּיאָטר כאַרי וועט צולעגען קויהלען (ווען מ'וועט דאַרפען...), הענעך בעיגער וועט גיסען וואַסער, משה בענוועל וועט „פערזוכען", האָט מען אַזוי גוט ווי זיבען קעכינס און וואו ס'זעצען דאָ זיבען קעכינס, בלייבט ס'מיטאָג רויה...

כאַ... כאַ... כאַ... זיי, די יאָלדען געהען דאָך קאָנקורירען מיט פּיניעלע מזיק! וואָס זאָגט עך, יאַטען צו דיי? אוי, מיינע באָקעס ! זיי עלען מאַכען א קוף ! אַז זיי עלען מאַכען אַ קוף, עט דאָך אַרויס־שפּרינגען א מקוה — כאַ... כאַ... כאַ...

אַ קוף על איך מאַכען. איך, פּיניעלע מזיק על גיכער עפענען א קוף פון דיי — פון די יאָלדען פון נייעם מאַרק נומער 6.

יאַטען, צו דער אַרבייט ! לאָמיר ווייזען, אַז מיר קענען מאַכען, נישט יענע גרויסע פלאַקענשיסער'ס !..

—=(:O:)=—

## „ווי אזוי נעמט מען אפּ א חוב"
### בראשורע פון א לאדזער אַפּליקאַנט

אַ לאָדזער אַפּליקאַנט האָט מיט עטליכע חדשים צוריק אַרויסגעגעבען אַ בראשורע א. נ. „ווי אַזוי נעמט מע אָפּ אַ חוב", אין דער בראשורע, גיט דער מחבר אַ רייהה אָנווייזונגען און מיטלען, ווי אַזוי פון ערגסטען בעל־חוב אָפּצונעהמען א חוב.

די טעג איז אין געריכט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס בעגען א פערלעגער, וועלכען דער מחבר האָט אָנגעקלאָגט, אַז ער האָט ביי איהם גענומען טויזענד בראשורען און וויל איהם נישט בעצאָהלען א גראָשען.

# צי לוינט דאס חתונה האבען?
## אונזער אנקעטע צווישען די לעזער

אויף אונזער פראַגע : צי לוינט דאָס חתונה־האָבען ? האָבען מיר בעקומען פאָלגענדע ענטפערען:

אַ חתונה איז געגליכען צו אַ וועקסעל : ווען מ'נעמט איהם איז ער „פּרימא", און צום סוף לאָזט זיך אויס מיט אַ פּראָטעסט.

ה. נאָגעוויצע (מאַנופאַקטור־סוחר פון דער נאַוואָמיעסקאַ).

דאָס חתונה האָבען איז אַ באַנקראָט פאַר זיך און אַ ריוח פאַר אַנאַנדערע.

מ. יונגאָניע (גאָרן־סוחר אויף פּעטריקאָווער גאַס).

חתונה האָבען הייסט. נעמען אַ מוער אויף די פּלייצעס.

מאַקס עקסמיטאָווסקי (היין־בעזיצער אויף דער דזשעלנע).

אַ פרוי שפּילט דעם מאַן אויף די נערווען, ביז די סטרונעס פּלאַצען.

הענעך שמיטשיק (מוזיקאַנט).

חתונה האָבען — איז אַ מעלאָדראַמע : פאַר דער חתונה אַ פאַרס, און נאָך דער חתונה—א דראַמע.

ב. פלאָקען (טעאַטער דירעקטאָר).

ווער ס'האָט חתונה, גראָבט פאַר זיך אַליין א קבר.

ד. גראַבלער (פערוו. מיטגליד פון „חסד של אמת").

ווער ס'האָט חתונה, לעגט זיך מיט אַ געזונדען קאָפּ אין אַ קראַנק בעט.

ד"ר ו. טויטמאַכער (פון דער קראַנקען־קאַסע).

חתונה האָבען — איז אַ ווידאָק, וואָס פערמשפּט 2 אומשולדיגע מענשען אויף אייביגער תפיסה.

יויצעק פלאַדער (אַדוואָקאַט).

## א געבוירענער סוחר
### וועגען וואס דער קליינער דודל טראכט

אין חדר דערצעהלט דער רבי די קינדער וועגען גיהנום, וואו מ'ברענט די רשעים, יועגען די גרויסע קעסלען מיט סמאַלע, וואָס ס'קאָכען זיך בייטאָג און ביינאַכט.

מיט דעם גרעסטען אינטערעס, האָט זיך צום דעם צוגעהערט דער קליינער דודל.

— דער רבי זעהענדיג, מיט וואָסער אינטערעס דודל בעציהט זיך צו דער מעשה, פרעגט ער איהם. נו, דודל, וואָס זאָגסטו צו דעם ?

— כ'וואָלט דעם רבי געוואָלט עפּעס בעטען, האָט דודל געענטפערט.

— דהיינו ?

— אַז דער רבי זאָל אויספועלען, אַז מיין טאַטעשי זאָל צושטעלען קויהלען צו די גיהנום־קעסלען.

## דער איינציגער מאן

— וועלכער מאַן האָט געוואוסט געוויס, ווי אַלט זיין פרוי איז ?

— אדם הראשון !..

## זעהר א נוצליכע זאך
### פאַר אַ מאנופאקטור־סוחר

גאַלאַנטעריסט (אין א געשעפט פון דיי־גער'ס) : פאַניע פ. כ'וויל קויפען א זייגער אין מיין געשעפט אריין. צו וואָסער זייגער ראָט איהר מיך ?

זייגער־מאַכער : כ'וואָלט אייך געראָטען צו קויפען אַ וועק־זייגער.

## א זעלטענער עקזעמפּלאַר
### אין לאדז איז דאס אונמעגליך

מאַן : מיר דאַכט זיך, אַז אין לאָדז איז דאָ איין מאַן, וואָס זהראַזשעט נישט זיין ווייב.

פרוי : ווער איז דאָס דער דאָזיגער „ווינגעמאַך"?

מאַן : דו ווייסט נישט ווער ?

פרוי : כ'קען מיך נישט „דאמישלען", ווער דאָס קען זיין.

## איהר דארפט דאס וויסען
### א נייער טייטש פון „קונדס"

פּאַטריאָטיזם — אַ בעקוועם מיטעל פאַר ליי־דאָקעס.

שלום — אַ גרויסע צייט, וואָס דינט אַיך פאַרצוברייטען צו אַ מלחמה.

פאַמיליען־לעבען — אַן־אינסטיטוציע, וואָס בעשטעהט פון אַ מאַן, אַ פרוי, אַ שקלאַף און אַ שקלאַפין, און דאָך נישט מעהר ווי צוויי מענשען.

צוקונפט — אַ צייט, ווען אונז איז גוט.

אַ יאָהר — אַ צייט וואָס בעשטעהט פון 365 ענטוישונגען.

פריינדשאַפט — 1) אויבערפלעכליכע : ווען דער בעקאַנטער איז אָרים, 2) נאָהענטע : ווען ער איז רייך.

אַ יודענע — אַ פּאַכמאַן, וואָס ווייסט,, וואָס קאָכט זיך אין אַלע טעפּלעך, באַר נישט אין איהר'ס.

נעקראלאג.

איך, אונפען אונטערגעשריבענער מאַן בעקאַנט וועגען דעם טויט פון דער פרל.

# דייטשער דעמאקראטיע

געבוירען אין ווייִמאר אין יאָהר 1919 און געשטאָרבען אין יאָהר 1933.

די יונג־פערשטאָרבענע האָט זיך גאַנצע 7 יאָהר געראַנגעלט מיט'ן טויט. לעצטענס איז זי אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דאָקטוירים פּאָרטאַטשעס, און האָט אויסגעהויכט די נשמה, וועגען וואָס ס'פיילט מיט איהר איינציגער קברן, וואָס האָט זי געבראַכט צו קבורה

אדאלף היטלער

געוו. מאָלער און איצטיגער שני למלך אין דייטשלאַנד

# דער
# קונדס

● הומאר

● סאטירע

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 54 — פרייטאַג, דעם 3 מערץ 1933

## דער מאן אויפ'ן ריכטיגען ארט...



וואזשני: פּשעפּראַשאַם, דאָס איז אַן אָרט נאָר פאַר טויטע.
גאַסט: און איך בין נישט קיין מת ?...





דאַמפּערס אויפ'ן טייך שפּרע בײַ בערלין, וועלכע קענען זיך נישט רירען צוליב'ן אייז.



אַ ביער טיפּ לאָקאָמאָטיוו פאַר געציטען, וואָס זעגעלט אַרום אין וואַסער: דער דאַמף ווערט אָפּגעקיהלט און קאָנדענסירט אין וואַסער.



אויבן און אונטען: אויפנאַהמעס פון דער שריפה אין ...שען רייכסטאַג. דער זיצונגס־זאַל וועלכער איז פולשטענדיג פארניכטעט געוואָרן.



אַ לאָנדאָנער נאַכט־וועכטער אין אוניפאָרם און צילינדער.









אויבן: סעניאָריטאַ פּיל. עמיליאַ דאַצעט איז געווהלט געוואָרן אַלס מיס שפּאַניען פאַר'ן יאָר 1933.





אויבן לינקס: רייכסווער־מיניסטער גען. בלאָמבערג אויף אַן אינספּעקציע־רייזע אין בייערן.

אַנטרויט לינקס: די ווילע טיבשען בײַ לוצערן וואו וואַגנער האָט געשריבען עטליכע פון זיינע שענסטע אָפּערעס.

רעכטס: יאַפּאַנישער וויצע־גענעראַל־סעקרעטאַר פון פעלקער־בונד סוגימאַטאַ. האָט זיך אָנגעזעצען אין דימיסיע אין צוזאַמענהאַנג פון יאַפּאַנס קאָנפליקט מיט'ן פעלקער־בונד.

אונטען לינקס: דער האַמבורגער קאָנסטרוקטאָר צוקער האָט עפּוגרען אַ ראַקעטע, מיט וועלכער מען קאָן לענקען אין דער לופט.

אונטען אינדערמיט: אַ בילד פון לאָנדאָן בעת אַ שניי־שטורם.







אויבען רעכטס: מאַרש פון אַנ׳אָצטיילונג בעיליבער פאָליציי אונטער דער פאָהן פון האַקענקרייץ.





נאָך צווי פרויען-מערדער אַרעסטירט אין דאָרטמונד. דער „העגקער“ אויגוסט שעער. אויגוסט שולדטע

אינדערזייט רעכטס: דער ענגלישער אויטאָמאָביליסט מאַלקאָלם קאַמפּבעל, וועלכער האָט געשלאָגען אַ נייעם וועלט-רעקאָרד אין אויטאָ־פאָהרען. אונטען: קאַמפּבעלס ריזען - אויטאָ „דער בלויער פויגעל.“





אינדערמיט: מישעל מאָנטען, בעריהמטער פראַנצויזישער פילאָזאָף צום 400־טען יאָהרצייט פון זיין געבורט.









אויבען רעכטס : די נייע דייטשע פאַנצער - שיף „דייטשלאַנד“.



אויבען אינדערמיט : אַריינגאַנג אין די קעלערן, וואָס זענען ענטדעקט געוואָרען אין קאַרל ליבקנעכט הויז אין בערלין.



אינדערזייטן לינקס: גענ. מיניסטער שעפערוואַלר (צענטרום) איז אויף אַ פערזאַמלונג אין קרעפעלד צשלאָגען געוואָרען פון זיינע געגנער

רעכטס: דער געגעראַל-דירעקטאָר פון די עסטרייכישע באַהנען ד״ר זעפעלבער האָט בעקומען דימיסיע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַפערע פון וואָפען־שמוגעל פון איטאַליען קיין אונגאַרן.

אונטען לינקס: פרוירענשטאַט (אין שוואַרצוואַלד) וואו עס וועלען פאָרקומען די הייאָהריגע דייטשע סקי־מייסטערשאַפטען.

אונטען אינדערמיט : די אַמעריקאַנער לופט־פליהער גריפין לינקס און מאַטערן נעהמען וויזער אונטער אַ לופט - רייזע אַרום דער וועלט.



